# עֲם סְגֻלָּה

אידיש



נומער 9

# עַם סְגֻלָּה

## אידיש



יצא לאור על ידי עסקני

**וועד לחיזוק הדת**

בהתעודדות הרבנים הגאונים שליט"א

חודש סיון תשס"ד ברוקלין נ.י.

בקונטרסים הקודמים קבלנו הסכמות מהרבנים הגאוה"צ שליט"א דלהלן:

- **הגה"צ ר' ישראל חיים מנשה פריעדמאן שליט"א ראב"ד סאטמאר**
- **הגה"צ ר' געציל בערקאוויטש שליט"א דומ"ץ קרית יואל**
- **הגה"צ ר' הילל וויינבערגער שליט"א אבד"ק סערדאהעלי ודומ"ץ נייטרא**
- **הגה"צ ר' מאיר טודרוס זילבער שליט"א אבד"ק יאוואשנא**

☞ צוליב די ריזיגע הוצאות פון דעם קונטרס - זעצן, דרוקן, סטעפלען, פאָסט - בעטן מיר פון אייך, אויב האָט איר הנאה פון דעם ווערק, ביטע שיקט אַריין לכל הפחות **פינף דאָלער** צום פאָלגענדן אַדרעס, **וכל המרבה הרי זה משובח**


**Beir Yehidah Publishing**
**C/o Am Segila**
**154 Lee Ave.**
**Brooklyn, N.Y. 11211**


**גדולי דורינו שליט"א, חסידים ואנשי מעשה, טוען מחשיב זיין אונזער אויסגאַבע ביז גאָר. ביטע אונז אַרויסהעלפן מיט פינאַנציעלע שטיצע אַז מיר זאָלן קענען עקזיסטירן. אויב ווילט איר מנדב זיין לעילוי נשמת אַ קרוב (מיט אַן אָפּצאָל פון הונדערט דאָלער און העכער) און דערמיט פאַרשאַפן גרויסע זכותים פאַר די נשמה, ביטע רופט:** (718) 935-1601

נדבת מו"ה ח.י.ב. בן א. לע"נ הרה"ק **משה** בן **יוסף צבי** בעל אהל משה מטאקוואה זי"ע
לזכות לרפואה שלימה בקרוב לרבי **רפאל** בן גיטל שליט"א אדמו"ר מקאשוי

•

לע"נ הרבנית הצדיקת **יוכבד** בת הגה"צ רבי **נחום** ע"ה (הרבנית מטשאץ)

•

לע"נ מרת **חי'** בת מו"ה **חנני' יו"ט ליפא** ע"ה
ומו"ה **חנני' יו"ט ליפא** בן מו"ה **אברהם** ע"ה

•

לע"נ האשה הצנועה והצדיקת מרת **רבקה** בת מו"ה **דוד אהרן** ע"ה

•

לע"נ מרת **עטיא** בת מו"ה **קלונימוס קלמן** ע"ה
והגריה מו"ה **קלונימוס קלמן** בן מו"ה **אלעזר ניסן** ע"ה הי"ד
ומרת **חי'** בת מו"ה **יעקב** ע"ה הי"ד

•

לע"נ האברך היקר הרב **מרדכי יצחק הלוי טירנויער** ז"ל
בן יבדלח"ט הרה"ג ר' **אלימלך** שליט"א - נקטף בדמי ימיו פסח שני י"ד אייר תשס"ג

•

לע"נ ר' **יום טוב** בן ר' **אברהם** ע"ה

## פון די חשוביע לייִנער

# קאָמענטאַרן קאָמפּלימענטן קריטיק

אויף די פראַגע פאַרוואָס מיר דרוקן נישט די דאַנק בריוו וואָס מיר ערהאַלטן בסדר, און בריוו פון מענטשן וואָס שרייבן וויפיל עם סגולה האָט פאַרבעסערט זייער צניעות, איז דער תירוץ: 1) צוליב די גרויסע הוצאות הדפוס דרוקן מיר נאָר בריוו וועלכע קען ברענגען מער נוצן פאַר די לייִנער. 2) פיל מענטשן גלייבן נישט אַז די בריוו זענען אמת׳ע (חוץ דער זעצער וועלכער זעהט די האַנט שריפט), זיי טראַכטן ענדערש אַז די רעדאַקציע שטעלט דאָס אַליין צוזאַם.

*

צו די חשוב׳ע אויסגאַבע עם סגולה.

בנאות דשא ירביצנו, - על מי מנוחות ינהלנו. - אַ הערליכע קוואַל, - וואָס שפּיגלט אָפּ די וואַרימע זון שטראַל. - זי שטייט רואיג און גלייך, - אַ פליסיגע דערקוויקנדע טייך. - פונדערווייטנס טוען סטאַדעס פון אויסגעמוטשעטע שאָף גיין, - די זון קלאַפּט אויף זייערע רוקנס מיט איר הייסע שיין. - זיי גאַרן און לעכצן נאָך אַ טרונק וואַסער, - זיך דערפרישן דאָס האַרץ און מאַכן די ליפּן נאַסער. - פונעם ים טוען זיי כוחות הנפש שעפּן, - זיך צו קענען אין די היצן אַזוי ווייט שלעפּן. - אָט דער טייך וואָס דערמונטערט אַזוי אין אַ הייסע שעה, - איז טאַקע דער ספר עם סגולה. - פון וואו צניעות׳דיגע פרויען און מיידלעך טוען מיט דאָרשט טרינקען, - כדי זיי זאָלן נישט אין די היצן פון מאָדעס איינזינקען. - ווען דאָס אידיש האַרץ גאַרט נאָך אַביסל זיסע רייד, - קוקט מען אַריין אין עם סגולה צו יעדע צייט. - די הייליגע פערל ווערטער טוען זיך אין האַרץ איינזייען, - מיט אַ האַרציגע רוף טוט זי צו די בנות מלכים שרייען, - עס דערקענט זיך צווישן די שורות אייער פלאַג און מי, - הזורעים בדמעה ברנה יקצורו. - מיט דעם וואָס איר טוט זיך מיט אייער אַרבעט אָנשטרענגען, - וועט איר משיח׳ס טאָג נענטער ברענגען ! ! !

פון: אַ שטענדיגע לייִנערין פון עם סגולה אַ תלמידה פון בנות חיל

*

חשוב׳ע רעדאַקציע:

אַ דאַנק פאַר אייער אינהאַלטסרייכע קונטרס וואָס גיט אַסאַך חיזוק און אָנווייזונגען פאַר די אידישע שטוב.

איך בין אַ מיטליעריגע פרוי, שוין אַ

באַבע ב״ה, און טיילמאָל כאַפּט מיר אָן אַ שטאַרקע יצה״ר זיך צו פאַרבן, אָדער אויסקוקן אַביסל יונגער און מער ׳אַפּ-טו-דעיט׳. דער יצה״ר שוויגט נישט און קומט צו יונג און אַלט. איך פאַרשטיי אָבער די געוואַלדיגע אחריות, אַז מיט יעדע קלענסטע שריט וואָס איך טו, וועלן מיינע קינדער און אייניקלעך גיין אַביסל ווייטער, און טייל מאָל מער ווי אַביסל, און דאָס האַלט מיך צוריק.

צניעות איז אַ טאָג טעגליכע נסיון, און מ׳דאַרף האָבן עקסטערע סייעתא דשמיא זיך צו האַלטן צו די פרינציפּן. אייערע האַרציגע ווערטער געבן דעם כח און מוט צו קענען ווייטער פאָרזעצן דעם אַלטן אויסגעטראָטענעם וועג וואָס פירט צו אמת׳ע אייביגע גליק.

אַ דאַנק

ש.ק.

*

לכבוד די חשוב׳ע אַרויסגעבער פון ״עם סגולה״

קודם וויל איך דאַנקען פאַר׳ן אַרויסגעבן אַזאַ לעבנ׳ס וויכטיגע אויסגאַבע פאַר אידישע פרויען. די זכות זאָל זיין צו אַ רפואה שלימה פאַר כל חולי ישראל, פאַר כל מיני ישועות, און זאָל עס דערנענטערן משיח׳ס טאָג.

לייענדיג ״עם סגולה״ #7 וואָס איינער שרייבט אַז אַ טיכל-פאַרקויפערין האָט זיך אָפּגערעדט אַז פיל פרויען ערלויבן זיך צו קויפן רעש׳יגע קאָלירן, האָב איך עפּעס צו באַמערקן:

די טיכל און קליידער פאַרקויפער׳ס דאַרפן וויסן, אַז פאַרקויפן אַ זאַך וואָס איז אסור אָנצוטוהן, איז פונקט אַזוי האַרב ווי צו גיין דערמיט, ווייל מ׳האָט אַ חלק אין די עבירה. פאַרוואָס בכלל פאַרקויפט מען די זאַכן אין די היימישע געשעפטן וועלכע פאַרקויפן נאָר פאַר אידישע קינדער? פאַר וועמען פאַרקויפט מען די רויטע און רעש׳יגע טורבאַנס און טיכלעך? ס׳איז נישט קיין תירוץ אַז יענער מוז נישט קויפן, אויב ס׳וועט נישט זיין וועט מען נישט קויפן.

אין די קאַטעגאָריע איז אויך אַריינגערעכנט שמאָלע און קורצע קליידער, אויפפאַלנדע אדער לאַנגע אדער HUMAN HAIR שייטלען וכדומה. אפילו מ׳קען עס באַקומען אין גוי׳אישע געשעפטן אויך, האָבן די פאַרקויפער׳ס אַ חלק אין די עבירה מיטן פאַרקויפן אַ מלבוש וואָס איז אסור צו גיין.

השי״ת זאָל געבן סייעתא דשמיא פאַר אַלע אידישע קינדער צו וויסן וואָס מ׳האָט צו טוהן, און בקרוב זאָלן מיר זוכה זיין צו גיין אַקעגן משיח אמן.

מיט פיל דאַנק פאַרן אָפּדרוקן די שורות - יום ד׳ לסדר והייתם לי סגולה

(-)

לכבוד עם סגולה:

השי״ת זאָל אייך געבן ווייטער כח און מח אָנצוהאַלטן אַזאַ הייליגע אַרבעט פון מזכה זיין את הרבים.

איך האָב געוואָלט מעורר זיין וועגן אַ פירצה וואָס פאָדערט אַ גרויסע תיקון,

כאָטש דאָס איז נאָך נישט אַזוי שטאַרק איינגעריסן, בעט איך פון אייך מעורר צו זיין איבער דעם ענין פון BOBBY SOCKS, ווייל עס איז פשוט אַ האַרץ ווייטאָג צו זעהן ווי היימישע ווייבלעך דרייען זיך אַרום אין די גאַסן מיט די פּראָסטע זאָקן אָן קיין שום בושה.

יישר כח
ברכה והצלחה

**לכבוד די עם סגולה:**

קענט איר אפשר שרייבן מיט גרויסע אותיות וועגן לאַנגע פּאָנדזשעלאָס, אַ חוצפה מ׳דרייט זיך דערמיט אויפן גאַס אפילו נאָכן זאָגן.

אויך זייט מעורר די מענער אַז אין סטאָר זאָלן זיי נישט איבערגעבן פאַר אַ פרוי קאָסטומער אין די האַנט. פיל מאָל איז אומאַנגענעם פאַר די פרוי אים צו זאָגן.

תזכו למצות

*

... איך האָב געזעהן אין עם סגולה וועגן צניעות ביי מצוה טאַנץ. איך וויל זאָגן אַ הערה:

אינדערהיים אין יוראָפּ פלעגט מען בדחנ׳ען און משמח זיין ביי די סעודה פאַרן בענטשן, ווען די נשים זענען נאָכנישט דאָרט געווען. דערנאָך ביים מצוה טאַנץ האָט מען נאָר אויפגערופן איינעם נאָכ׳ן אַנדערן צום טאַנצן און פאַרטיג. דאַקעגן דאָהי וואָס מען בדחנ׳ט אין געגנוואָרט פון אַזויפיל נשים פון אַלע צדדים, דאַרף מען טאַקע גרויס זהירות אַז די מצוה טאַנץ זאָל נישט ווערן אַן עבירה טאַנץ ח״ו.

יישר כח

א.מ.

*

**לכבוד די חשוב׳ע אַרויסגעבער פון עם סגולה.**

עס איז אַ גרויס חיזוק און באמת אַ תענוג רוחני. דאָס מערסטע די בריוון. דאָס ווייזט אַז צניעות איז נישט איינגעשלאָפן, נאָר עס לעבט, און לעבט באמת.

עס קומט יעצט דער זומער הבעל״ט, מען גייט אין גאַס אָן מאַנטלען, און עס איז מער שכיח צו זעהן אומ׳צניעות ביי אנדערע. ביטע ערקלערן וויאַזוי צו האַנדלען. איך גיי אין די גאַס, עטליכע טריט פאַר מיר גייט אַ מיידל מיט זייער אַ פריצות׳דיגע סקוירט, עס באַדערט מיר געפערליך. מען זיצט ביים דאָקטער מיט נאָך פרויען און קינדער. איינע גייט מיט זייער אַן אויסגעפּאַסטע פולעווער. עס איז פיל באַקוועמער (פאַר יענע און פאַר מיר) נישט צו זאָגן - אָבער וואָס איז דער רצון השם? יישר כח פאַרן ענטפערן.

ר.ב.

**די רעדאַקציע:** די דאָזיגע טעמע ווערט היבש קלאָר באַהאַנדלט אין עם סגולה נומ׳ 5 (עמוד 17-18), וואו עס ווערט אַרויסגעברענגט די איינצלהייטן פון מצות תוכחה פון וואָס אַ איד קען זיך נישט פטר׳ן, חוץ ווען די באַטרעפנדע איז נישט אין די קאַטעגאָריע פון

מקבל זיין קיין אויפריכטיגע מוסר רייד. תוכחה איז אַ חיוב אויף יעדן איד נישט נאָר אויף אַ רב און אַ דיין. געווענליך זענען פרויען דאַנקבאַר ווען מ'טוט זיי אויפמערקזאַם מאַכן אויף הלכה'דיגע פרינציפּן דורך אַ בכבוד'יגע אופן שטילערהייט. אידישע טעכטער ווילן נישט זיין שלעכט, זיי ווילן זיין גוט, זיי ווייסן נאָר נישט צומאָל אַז די סקוירט איז שמאָל, די קלייד איז שרייעדיג. זיי האָבן נישט קיין באַגריף אַז זיי זענען עובר אויף פיל איסורי תורה, ובחקתיהם לא תלכו, והי' מחניך קדוש, קדושים תהיו וכו' וכו', ווייל אין זייער שטוב און אין זייער בית חינוך האָט מען נישט צופיל גערעדט פון דעם.

נ.ב. אויב האָט איר נישט עם סגלה נומ' 5 קענען מיר אייך שיקן אַ קאָפּיע פון דעם בלעטל.

*

**לכבוד די רעדאַקציע פון עם סגולה:**

יישר כח פאַר אייער שיינע אויסגאַבע, עס ברענגט פיל הנאה אין אידישע שטיבער. צווישן די בריוו אין נומער 8 שרייבט מען וועגן די פּראָבלעם אַז פרויען גייען מיט קלאַפּעדיגע שיך. איך וואָלט געוואָלט צולייגן, אַז פאַר עטליכע דאָלער קען מען אַרויפלייגן אַ ספּעציעלע ווייכע RUBBER אויפן SOLE און HEAL פון די שיך צו פאַררעכטן דעם פּראָבלעם.

יישר כח

(-)

**בעז"ה**

איך בין אַ קינדערגאַרטן מלמד. איינמאָל בשעת'ן קאָלערן אַ בילד (פון שירת הים, און ווי מרים הנביאה פויקט) האָט איין קינד געוואָלט פאַרבן רויט, האָב איך געזאָגט: "ח"ו אידישע מאַמעס טאָרן נישט גיין מיט אַ רויטע קלייד". רופט זיך אָן איין יונגעל: "מיין מאַמע גייט מיט רויט!" - וואָס ברויך איך טוהן אין אַזאַ פאַל?

יישר כח פאַרן ענטפערן

**די רעדאַקציע:** מחנכים און מחנכות שטויסן זיך אָן אין דעם פּראָבלעם, צ.ב.ש. ווען אַ מלמד\לערערין איז מעורר וועגן גוי'אישע ליין מאַטריאַל, ראַדיאָ א.ד.ג. און דאָס קינד רופט זיך אָן אַז מיין טאַטע\מאַמע לייענט און הערט, ובפרט ביי צניעות פרינציפּן איז דער פּראָבלעם אָפּטער. לויט די מיינונג פון מחנכים איז דאָס בעסטע אין אַזאַ פאַל צו איגנאָרירן די רייד פונעם קינד און גלייך פאַרדרייען דעם שמועס צו לערנען ווייטער.

**אבער חשוב'ע עלטערן:** נעמט אין באַטראַכט דאָס צומישעניש וואָס דאָס קינד באַקומט דורך די קאָנטראַסטן פונעם שטוב צום בית חינוך!

*

**לכבוד עם סגולה,**

עס וואָלט געווען ראַטזאַם צו איבערזעצן די קונטרס אויך אויף ענגליש, עס איז זייער אַ וויכטיגע און נוצבאַרע ספר, אָבער איר וואָלט דערגרייכט פיל

מער מענטשן אין אייער הייליגע עבודה אויב עס וואָלט געווען אויך אויף ענגליש.

אַ דאַנק און הצלחה אויף ווייטער.

ש.י.פ.

**די רעדאַקציע:** חז"ל זאָגן אַז אונזערע עלטערן אין מצרים האָבן געמאַכט אַ בונד נישט צו ענדערן די דריי פאַנצערן: 1) שם 2) לשון 3) מלבוש.

אין ירושלמי (פ"ק דשבת לפי' קרבן העדה שם) שטייט אַז חז"ל האָבן גוזר געווען נישט זיך צו באַנוצן מיט די גוי'אישע שפראַך!

עם סגולה איז טאַקע געווידמעט בעיקר אויפן געביט פון "מלבוש", מיר קענען אָבער נישט לכבוד דעם עובר זיין אויפן געביט פון "לשון". איין פירצה לעשט נישט די צווייטע!

אין ספר לב העברי ווערט געברענגט אין נאָמען פון הייליגן ישמח משה זי"ע אַז ער האָט געזאָגט: "מיינע ברידער, לערנט תורה. ווער עס קען נישט, זאָל גיין הערן אַ שיעור. ווער עס פאַרשטייט דאָס אויך נישט, זאָל ליינען מוסר ספרים אויף אידיש, אָבער נישט ח"ו די מוסר וועלכע זענען געשריבן אויף די גוי'אישע שפראַך!"

אויך ערקלערט דער לב העברי, אַז דער תרגום אונקלוס, און אַזוי אויך שפעטער דער חובת הלבבות און דער רמב"ם וועלכע האָבן געשריבן ספרים אויף אַראַמיש און אַראַביש, איז דאָס געווען 1) דירעקט מיט לשון הקודש'דיגע בוכשטאַבן (אותיות) נישט מיט די גוי'אישע 2) די אידן וועלכע האָבן געוואוינט אין די אַראַמישע און אַראַבישע לענדער האָבן געענדערט דעם אַקצענט פון די דאָרטיגע לאַנד'ס שפראַך (פונקט ווי אונזערע עלטערן אין אייראָפע האָבן געענדערט די דייטשע שפראַכע וואָס פון דעם האָט זיך געשאַפן אונזער הייליגע אידיש) כדי צו זיין אָפגעזונדערט פון די אָרטיגע גוים, און אויף דעם שפראַך איז געשריבן תרגום אונקלוס און די אַנדערע הייליגע ספרים. ד.ה. אויף די אידישע אַראַמיש און אויף די אידישע אַראַביש.

אין שו"ת ערוגת הבושם (או"ח סי' רי"ג) באַהאַנדלט ער אַ שאלה צי מען מעג שרייבן אויף די גוי'אישע שפראַך גאָר וויכטיגע הלכות פאַר פרויען וועלכע פאַרשטייען נישט קיין אידיש, פשוט זיי צו ראַטעווען פון גאָר האַרבע איסורים. ברענגט דער ערוגת הבושם אַראָפּ דאָרט די באַקאַנטע גמרא, אַז ווען תלמי מלך יון האָט גוזר געווען אַז מ'זאָל איבערטייטשן די תורה אויף די יונ'ישע שפראַך, איז די וועלט פינסטער געוואָרן דריי טעג. כאָטש מיר געפונען אַז די תורה איז געשריבן געוואָרן דורך משה רבינו אין מדבר אויף זיבעציג שפראַכן, איז דאָס געווען מיט לשון הקודש'דיגע אותיות ווי עס שטייט קלאָר אין תרגום יונתן.

צום סוף פירט ער אויס דאָרט מיט גרויס שוועריגקייט, אַז מ׳זאָל עובר זיין אויף דעם איסור כדי צו ראַטעווען אידישע פרויען פון איסורי כרת רח״ל עיי״ש.

אין שו״ת מנחת יצחק (ח״ד סי׳ ל׳) שרייבט דער ירושלימ׳ער רב זצ״ל, אַז זיין פאָטער האָט אים נאָכגעזאָגט פון מגידי אמת אַז ווען דער נודע ביהודא זצ״ל האָט געהערט אַז מ׳האָט איבערגעטייטשט די חומש אויף דייטש, האָט ער זיך געריסן קריעה אויף זיין קלייד.

**אונזערע ארטיקלען ווערן געשריבן צום ציבור וואָס פאַרשטייט אידיש, וועלכע דאַרפן זיין די וועג ווייזער מיט זייער צניעות פאַר די וועלכע רעדן נישט אידיש!**

*

לכבוד די וואונדערבאַרע אוצר ״עם סגולה״

באמת בין איך נישט קיין שרייבער, אָבער איך קען זיך מער נישט איינהאַלטן.

אַזוי ווי איך דאַרף לעצטנס פאָרן מיט די מאָנסי-מאָנראָ באַס, און אויף יעדן וועג האָב איך ממש אַ גיהנום. די פרויען רעדן הויך און לאַכן הויך. טייערע פרויען און מיידלעך, וויאַזוי שעמט איר זיך נישט צו לאַכן הויך און שמועסן הויך אין די צייט וואָס מענער זיצן אויפן באַס?

איך רעד ספּעציעל צו די מיידלעך פון מאָנסי וואָס פאָרן קיין מאָנראָ, און צו די מיידלעך פון מאָנראָ וואָס פאָרן אַרבעטן קיין מאָנסי. די באַס איז נישט קיין ״סקול״ און נישט קיין פּלאַץ וואו מען פאַרברענגט!

יישר כח

א.ש.פ.

מאָנסי

**לכבוד עם סגולה:**

... עס איז כמעט נישט דאָ צובאַקומען נאָרמאַלע צניעות׳דיגע קליידער וועלכע איז נישט שמאָל און צוגעפּאַסט. עס וואָלט געווען אַ תיקון גדול און אַ גרויסע זכות מען זאָל אויפמאַכן אַ געשעפט פון קליידער פון צניעות. אַז מען מיינט לשם שמים, וועט מען נישט האָבן קיין שום שאָדן נאָר גרויס ריוות.

אַ דאַנק

הרוצה בעילום שמו

*

**לכבוד מערכת עם סגולה:**

קודם וויל איך זיך באַדאַנקען פון טיפן האַרצן פאַר די הערליכע אַרבעט. השי״ת זאָל אייך באַצאָלן אַלעס גוטס. כביכול האָט זיכער הנאה פון די אַרבעט וואָס עס האָט שוין לאַנג צוריק געדאַרפט געטוהן ווערן.

איך וויל מעורר זיין: 1) ב״ה עס זענען דאָ פרויען וואָס פאַרשטייען די ענין פון אַ צוגעדעקטע שייטל (איך רעד דאָ צוגעדעקט געהעריג צניעות׳דיג און איידל, אינגאַנצן, נישט געבענדלט לויט׳ן געשמאַק), אָבער לעצטנס פאַרקויפט מען אין די געשעפטן היטן וואָס זענען טאַקע איידל, אָבער דאָך איז עס לעכעריג, מען קען געהעריג דורכזעהן

די שייטל פונדרויסן. עס איז דאָ אַ עצה אַז מען לייגט אַרויף אַ גוטע ליינונג פון אינעווייניג, אָבער ווען מען בעט דאָס ביים דעסק זאָגט די פרוי "קיינער לייגט נישט קיין ליינונג". - נישט גענוג וואָס זיי זענען מכשיל אידישע טעכטער, העלפן זיי נישט אַרויס די וואָס ווילן יאָ גיין צניעות'דיג, און דאָס גיט אַ געפיל פאַרן קויפער אַז נאָר איך בין אַ פרומער, איך בין יאָנטשי, מיט נאָך אַזעלכע ענליכע געפילן, וואָס מען דאַרף האָבן גרויס חיזוק בייצושטיין.

2) קען זיין אַז איך בין נישט גערעכט, אָבער איך טראַכט אַז צו גיין מיט אַן איינפאַכע פשוט'ע העט איז מער צניעות'דיג ווי אַ שרייעדיגע טיכל. (רוב טיכלעך ליידער זענען שרייעדיג, קוים וואָס מען טרעפט אַ טיכל מיט אײדעלע קאָלירן)

3) אויך וואָלט איך געוואָלט מעורר זיין איבער די קאָליר CAMEL, סיי ביי די שיך סיי ביי די העט'ס וואָס ס'שרייט זייער אַרויס. אויך ביי די קליידער און קאָוטס אויב עס איז זייער ליכטיג איז עס זייער נישט אויסגעהאַלטן.

יישר כח (-)

**די רעדאַקציע:** אין קאָליר איז אפשר צו קלערן אַז די איינפאַכע העטס זענען ווייניגער אויפפאַלענד, וויבאַלד רוב פון זיי זענען פון שוואַרץ אדער טינקל בלוי, אבער לויט גרויסע פוסקים טאָר אַ פרוי בכלל נישט גיין מיט אַ הוט וועגן לא יהי' כלי גבר על אשה. זיכער איז נישט אויסגעהאַלטן צו גיין מיט אויפפאַלענדע קאָלירטע טיכלעך, אָבער דאָס טוט נאָך נישט מאַכן די הוט פאַר אַ לכתחילה. עס וואָלט געווען זייער אַ חשוב'ע זאַך אַריינצוברענגען אין מאַרקעט אַן אויסוואַל פון איידעלע און באַשיידענע טיכלעך כדרך אמותינו הצנועות.

*

**צו די עם סגולה:**

ביטע שרייבן פונקטליך וואָס איז געווען די מיינונג פונעם סאַטמאַרן רבי'ן זצ"ל לגבי שייטלען. מענטשן זאָגן פאַרשידענע מימרות אינעם רבינ'ס נאָמען. ביטע שרייבט מיר אַ מקור.

**די רעדאַקציע:** מיר האָבן שוין ציטירט פונעם רבינ'ס הייליגע ווערטער אין נומער 1 עמוד 24, נומער 2 עמוד 9, נומער 4 עמוד 11, 23, וואו מ'זעהט קלאָר דעם רבינ'ס דעת תורה אַז מען זאָל נישט גיין מיט קיין שום שייטל אויף די גאַס. ער בעהט זיך אַז מ'זאָל אָנטוהן אומגעדריוולט זייד, ולכל הפחות געדריוולט זייד. עס זענען דאָ חשוב'ע אידן צווישן אונז וואָס דער רבי האָט זיי דאָס קלאָר געזאָגט פערזענליך בפה קדשו.

מיר צייכענען דאָ אָן בלויז די מקורות פונעם רבינ'ס ספרים לגבי דעם ענין: - דברי יואל בראשית עמוד ל"ד ד"ה והנה, דבר"י מכתבים ח"א מכתב ד', טיב לבב ח"א עמוד י"ז.

*

לכבוד המערכת עם סגולה נ״י

געלויבט השי״ת פאַר חונן דעת זיין צו פאַרשפּרייטן צניעות פאַר די אידישע מאַמעס און מיידלעך על טהרת הקודש. יישר כח פאַר אייער הייליגע אַרבעט.

מ׳וואָלט געדאַרפט מעורר זיין און ערקלערן פאַרן ציבור אַז דאָס וואָס פיל פון אונזערע מאַמעס און באַבעס זענען געגאַנגען מיט אַ שייטל - אפילו אַן אָפענע - איז דאָס געלעגן אויפ׳ן קאָפּ שטייף, עס האָט זיך נישט גערירט און געשאָקלט, עס איז געווען קורץ און צאַמגענומען. ליידער היינט איז געוואָרן - אפילו ביי אַ צוגעדעקטע שייטל - אַ סטייל עס זאָל זיין אָפען פון אונטן - אָדער עס הענגט אַרויס פון אונטן - אַ שייטל צ.ב.ש. וואָס הייסט ״פעידזש״. עס וואַרפט זיך פון אונטן און עס שאָקלט זיך פון די ווינט, וואָס דאָס איז אַקעגן די גדרי צניעות.

דער פסוק זאָגט: **וְהָיָה מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ וְלֹא יִרְאֶה בְּךָ עֶרְוַת דָּבָר וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ** - קען זיין אַז דער פסוק איז פּאַסיג אויף אַ פעידזש שייטל וואָס איז נישט אַן איידעלע זאַך און עס איז גורם די שכינה זאָל אַוועקגיין, **וְשָׁב**, די שכינה קערט זיך אַוועק - **מֵאַחֲרֶיךָ** - ווייל פון ״אונטען״ איז די שייטל אָפען און פריצות׳דיג.

דער הייליגער באַשעפער איז איבעראַל פון פאָרנט און פון אונטען און פון אַלע זייטן, דאַרף מען זעהן אַז ביי אַלע טיילן און זייטן זאָל מען זיין בצניעות און באַדעקט ווי עס דאַרף צו זיין. צניעות מיינט ״באַשיידן״ נישט ציען די אויפמערקזאַמקייט, אַ שייטל וואָס פליסט און וואַרפט זיך פון אונטן אויפגעדעקטערהייט, ציט יאָ די אויפמערקזאַמקייט פון פרעמדע אויגן.

די רבנים וצדיקים פון פריערדיגן דור זכרונם לברכה האָבן בפירוש געשריבען אַז אַ שייטל וואָס הענגט די מינדעסטע אַראָפּ, איז אַן אומוועדיגע לבוש. זיי שרייבן אַז אַ פרוי וועלכע גייט אַזוי אָנגעטוהן זינדיגט און מאַכט אַנדערע זינדיגן.

איבערהויפּט פרייטאָג צונאַכטס ווען די מאַמעס בענטשן ליכט, אדער שבת קודש ווען מ׳גייט אין שול, זענען דאַ אַזעלכע וואָס - כאָטש אַ גאַנצע וואָך גייען זיי גענצליך צוגעדעקט - טוען זיי זיך אָן אַ לאַנג שייטל איבערגעדעקט מיט אַ טיכל. פון אונטן איז די שייטל אָפען. וואָסערע פנים האָט מען אַז מ׳גייט אַזוי ליכט בענטשן און בעטן תחינות און בקשות פון הייליגן באַשעפער מיט אַן אומוועדיגע לבוש?

אַסאַך רבנים וצדיקים פון פריערדיגן דור האָבן גע׳פסק׳נט אַז מען טאָר נישט זאָגן קיין ברכה קעגן אַזאַ שייטל, און יעדע ברכה איז אַ ברכה לבטלה, מען איז נישט יוצא קידוש און הבדלה. עס איז פשוט אַ שאָד אידישע טעכטער וואָס ווילן זוכה זיין אויפצושטעלן ערליכע אידישע דורות, וויאַזוי קענען זיי זיך שטעלן בעטן גוטע קינדער ווען זייער

שייטל איז אָפען פון אונטן אָדער עס הענגט אַראָפּ מער ווי עס הייסט קורץ, טעיפערד?!

בזכות פון פאַרעכטן דעם פעלער וועלן מיר זוכה זיין צו ערליכע אידישע דורות בנים ובני בנים געזונטע און ערליכע, עוסקים בתורה ובמצות לשמה ביז משיח׳ס טאָג, ובזכות נשים צדקניות וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן אַזוי ווי אונזערע עלטערן זענען אויסגעלייזט געוואָרן בב״א.

יישר כח למפרע

ש.ל.

**לכבוד די אויסגאַבע "עם סגולה"**

"ה׳ עמכם גבורי החיל" - איר זענט מקדש ה׳ מדי חודש בחדשו, תחזקנה ידיכם.

עס האָט דערציילט אַ איד וואָס האָט געהערט אין אַ דרשה פון הגה״צ משאָפּראָן זצ״ל, ווי ער האָט זיך באַקלאָגט זאָגנדיג: "איך האָב געזען אַ חסיד׳ישער איד שפּאַצירן צוזאַמען מיט זיין פרוי, איך האָב אים געוואָלט דערלאַנגען צוויי פּעטש אין פּנים! - עס איז באַקאַנט די מעשה וואָס איז געווען ביי הגה״ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי״ע אַז אַ רב האָט זיך באַקלאָגט אַז חסידים רודפ׳ן אים. האָט אים דער בעלזער רב געפרעגט "פאַרוואָס רודפ׳ן זיי אייך?" האט ער געענטפערט "ווייל איך שפּאַציר צוזאַמען מיט מיין פרוי!" - האָט זיך אָנגערופן הגה״ק מבעלזא זי״ע "אויב אַזוי זענען זיי גערעכט!"

אין ספר הישר והטוב שרייבט הרה״ק ר׳ הערשלע ליסקער זי״ע: אויף פיר זאַכן דאַרף איך אייך אָנוואָרענען וכו׳, אויף נישט שפּאַצירן מאַן און ווייב אויף די גאַס. אין ספר שאול בחיר ה׳ שרייבט הגה״ק ר׳ שאול בראַך דער קאַשויער רב זצ״ל אַז נאָך זיין חתונה אין אוהעל ביי איין שבע ברכות שפּעט ביינאַכט איז ער אַהיימגעגאַנגען מיט זיין כלה גאָר אַ קורצע וועג, אינדערפרי האָט די גאַנצע שטאָט געקאָכט אויף דעם, היתכן, אַ חסיד׳ישער חתן גייט אויף די גאַס מיט זיין ווייב?! (ועי׳ עוד ברמב״ם הלכות דעות פ״ה ה״ז).

אַכטונג טייערע יונגעלייט: מ׳האָט נישט חתונה פאַר די גאַס, מ׳האָט חתונה פאַר די אייגענע שטוב!

י.ה.י.

**די רעדאַקציע:** אַנטשולדיגט, מיר דאַרפן צוגעבן צו אייערע רייד = אויב מ׳גייט יאָ צוזאַמען, דאַרף מען גיין איידל און באַשיידן, אָפּגערוקט, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר בני א-ל חי!

ויהי״ר שתתקדש שם שמים על ידינו.

**די איבריגע בריוו אין קומענדיגן נומער אי״ה**

דער סאַטמאַרער רבי זצ״ל האָט אַמאָל געזאָגט אין אַ דרשה (שב״ק פר׳ קרח תשכ״ו): מען דאַרף צו וויסן אַז פונקט אַזוי ווי דאָס עסן דאַרף זיין כשר, אַזוי דאַרפן די קליידער אויך זיין כשר, און אויב מען קויפט אַ נישט כשר קלייד, "מוז מען עס כשר׳ן..."

## ווער איז שטערקער?

די **ווינט** און די **זון** האָבן זיך אַמאָל אַרומגעטענה׳ט צווישן זיך ווער עס איז שטערקער, די ווינט טענה׳ט איך בין מעכטיג און שטאַרקער פון דיר, דאַקעגן די זון שרייט אַז זי איז פיל שטערקער פון אַלע ווינטן. איז געבליבן אַז מ׳גייט מאַכן אַ וויכוח זיך איבערצייגען ווער ס׳איז באמת דער גבור.

שפאַצירט זיך אַ מענטש געמיטלעך אָנגעטוהן מיט זיין מאַנטל אויף די גאַס. די זון גיט אַ וואונק פאַר די ווינט זאָגנדיג: ״דו ביסט דאָך עלטער, ווייל דו ביסט באַשאַפן געוואָרן זונטאָג, דאַקעגן איך בין באַשאַפן געוואָרן מיטוואָך, דאַרפסטו קודם ווייזן וואָס דו קענסט. לאָמיר זעהן אויב דו קענסט באַווייזן אַראָפצובלאָזן דעם מאַנטל פון דעם מענטש!״

דער ווינט נעמט זיך צו דער עבודה. דער מענטש הייבט אָן שפירן מורא׳דיגע ווינטן. עס בלאָזט און עס פייפט, די קעלט נעמט אַדורך אַלע זיינע ביינער, אָבער דעם מאַנטל טוט ער אַלץ מער און מער צודריקן צו זיך. די ווינטן ווערן שטערקער און שטערקער, פראָבירנדיג אַראָפצורייסן דעם מאַנטל פון דעם מענטש. דער מענטש זוכט אַ שוץ פלאַץ ווייל די כוחות לאָזן זיך אים אויס, אָבער דער מאַנטל ווערט אַלץ פעסטער צוגעדריקט צו זיין קערפער. ביז דער ווינט האָט אויפגעגעבן און ער ווענדט זיך צו די זון זאָגנדיג: ״אַצינד לאָמיר זעהן וואָס דו קענסט!״

די זון הייבט אָן אויסצושפרייטן זיינע הייסע שטראַלען, עס נעמט נישט לאַנג און דער מענטש טוט אויס דעם מאַנטל צוליב די היצן וועלכע שפירן זיך אין די לופטן. אַצינד האָט מען זיך איבערצייגט אַז דער זון האָט געוואונען, ער איז פיל שטערקער פון די בייזע ווינטן.

*

אין די ווינטער חדשים האָט נישט דער יצר הרע אַזאַ צוטריט צו די אידישע פרוי אינעם געביט פון צניעות. מ׳גייט ווייניג אויף די גאַס, כל כבודה בת מלך

פנימה, און ווען מ׳גייט יאָ גייט מען דאָך גוט אָנגעטוהן און אָנגעפעלצט. אָבער וויבאַלד נאָר די זון הייבט אָן אויסשפרייטן אירע וואַרימע שטראַלן איבער די שטאָט, זעהט זיך דאָס גלייך אָן לגבי צניעות. מ׳גייט מ׳שפאַצירט מאַסן ווייז איבער די גאַסן, אָנגעטוהן אַנדערש ווי עס פאַסט פאַר אידישע טעכטער, כאילו עס עקזיסטירט ח״ו אַ באַזונדערע ״תורת ווינטער״ און ״תורת זומער״. די זון האָט געוואונען...

די זון איז טאַקע שטאַרק, אָבער מיר זענען נאָך שטערקער! די שטערקסטע זאַך אויף דער וועלט איז אַ אידיש האַרץ! שטערקער פון אַלע בייזע ווינטן און פעסטער ווי אַלע שטראַלען! קיינער וועט אונז בעזהשי״ת נישט אויסטוהן דעם הייליגן אידישן לבוש ביז די לעצטע אָטעם פונעם לעבן!!!

*

אין קונטרס ״אֶת צְנוּעִים חָכְמָה״ שטייט: יעדע פאַר חדשים ענדערט זיך דאָס אויסגעלאַסנקייט, די מאָדע ווינטן בלאָזן אַלץ אַנדערש, זיי ווילן צורייבן פון אונז דאָס טייערסטע, דאָס חשוב׳סטע וואָס מיר פאַרמאָגן, דעם זיגל **בת מלך** וויל מען צונעמען פון אונז. יעדע צייט טוישט זיך דער נאָמען פונעם רויבער, אָבער דער כלל זיך צו היטן פון זיי איז: זיך דערווייטערן פון יעדע זאַך וואָס ציט דעם אויג! - - - סוף כל סוף זענען מיר קינדער פון עלטערן וואָס האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַר׳ן אייבערשטנ׳ס וועגן, מיר זענען קינדער פון עלטערן וואָס האָבן שפאַצירט אין פייער און וואַסער און האָבן נישט געוואָלט מוותר זיין אויף דאָס מינדעסטע פון די תורה. מען פאַרלאַנגט נישט פון אונז קיין גרויס מסירת נפש, מ׳זאָל אונז קיינמאָל נישט פראָבירן מיט די סאָרט נסיונות וואָס אונזערע עלטערן האָבן געהאַט. אָבער ביים רבונו של עולם וועט פונקט אַזוי חשוב זיין אַז מיר וועלן ביי זיך פועל׳ן: דעם קנעפל צומאַכן, דאָס קלייד אַביסל ברייטער מאַכן. יעדעס ביסל בעסערונג איז אַזוי טייער אין הימל וויבאַלד מיר לעבן דאָך אין אַזאַ שווערע דור.

> ביי די נייע סאָרט קניפ טורבאַנען מאַכט זיך אָפט, אַז די האָר פון אונטן שטעקן זיך ליידער אַרויס. די עצה איז צו עפענען איינע פון די אונטערשטע פאַלבן (פליטס) און אַזוי באַרעקן גוט דעם גענאַק. (מעלות)

# עם סגלה

## אַ כּעלעמ׳ער בּייפּאַל...

עס ווערט דערציילט אַז אין די שטאָט כעלעם האָט זיך אַמאָל ל״ע איינגעבראָכן אַ באַלקאָן פונעם בריק העכער׳ן וואַסער. איז באַשלאָסן געוואָרן ביי אַן אסיפה פון די ״חכמי כעלעם״, אַז אַנשטאָטס אויסגעבן געלט אויף פאַררעכטן דעם בריק, זאָל מען לאָזן אויפבויען אַ שפּיטאָל נאָענט צום בריק, כדי אַז אַלע דורכגייער וועלכע וועלן אריינפאַלן דורכ׳ן לאָך אין ים אַריין, זאָלן גלייך אָפּגעפירט ווערן אין שפּיטאָל אַריין, דורך רעטונג׳ס שיפלעך וועלכע וועלן זיי ראַטעווען...

נישט אַנדערש זענען מיר וואָס אַנשטאָטס זיך קליידן בצניעות וועלכע וועט אונז באַפרייען פון פיל צרות און קרענק, מוזן מיר ליידער גיין צו פּאַרטיי׳ס פון הצלת נפשות, קרן יתומים, ביקור חולים, ניחום אבלים. וויפיל פּאַרטיי׳ס וואָלטן מיר איינגעשפּאָרט דורך זיך אויפפירן בצניעות און מקיים זיין כל כבודה בת מלך פנימה???

## ווער איז אַ גרעסערער נדבן?...

אַן עושר האָט זיך אַמאָל אויפגעטוהן פאַרן חפץ חיים זצ״ל אַז ער האָט מנדב געווען פאַר אַ שפּיטאָל 50 בעטן. רופט זיך אָן דער חפץ חיים: ״איך האָב מנדב געווען 500 בעטן פאַרן שפּיטאָל!״

ווען דער חפץ חיים זעהט ווי דער עושר וואונדערט זיך דערויף, האָט ער איס ערקלערט: ״איך לערן תורה און איך מאַך אַנדערע אידן לערנען תורה, וואָס דורכדעם ווערט מען ניצול פון פיל קרענק, בלייבן די בעטן אין שפּיטאָל ליידיג פון אידן...״

די דאָזיגע מעשה איז אונז אַ יסוד צו דעם פריערדיגן פונקט, אַז דורך זיך אויפפירן ערליך און באַשיידן, טוט מען איינשפּאָרן פיל נצרכים און עמורדזשענסי אַקציעס.




לאָמיר נישט זיין ווי די חכמים פון די שטאָט כעלעם,
וואָס בויען אַ שפּיטאָל צו ראַטעווען די דערטראָנקענע
אַנשטאָט צו פאַרריכטן דעם בריק!

ווען קדושת ישראל וועט האָבן איר תיקון
וועט נישט זיין אַזויפיל נצרכים
פאַר ווער צו טאָן אַזויפיל חסד!

**פאָלגנר איז אַ בריוו פון אַ טאַטע צו זיין טאָכטער**

**דער בריוו ווערט פאָרגעליינט אויף אַ טעיפּ צו אידישע טעכטער**

**דורך הרה"ח ר' חיים מענדל כהן ז"ל**

**צו מיין טייערע באַליבטע טאָכטער:**

... אַצינד וויל איך אויסשמועסן מיט דיר אַ גאָר וויכטיגע פונקט, פון וועלכע דו וועסט אי"ה פאַרדינען בזה ובבא.

אַזוי ווי דו האָסט זיך יעצט אַריבערגעצויגן - צוליב סיבת כל הסיבות - צו אַ נייע סביבה מיט נייע שכנים, איז מיין האַרץ אַביסל באַזאָרגט צי דו וועסט אפשר - צווישן די נייע אויפגעקלערטע פריינד - זיך שעמען אַנצוהאַלטן מיט דיין ערליכן לבוש הצניעות, פשוט צוליב בושה און אומזיכערקייט פון די נייע סביבה, אַזוי ווי עס האָט שוין פאַסירט ביי פיל אידישע טעכטער וואָס זייער אינערליכע יראת שמים איז נישט געווען פעסט מיט אמת, צו אָפּפערן זייער כבוד פאַרן גרויסן באַשעפער פון די וועלט, מיט אמת'ע אידישע שטאָלץ. אַנשטאָט וואָס זי זאָל ערקלערן פאַר זייערע שכנים און גוטע פריינד אַז זי וויל זיך פירן אַזוי ווי די אידישע תורה און די אידישע מסורה פאַרלאַנגט פון איר צו גיין אָנגעטוהן, און זי וויל דאָס נישט בייטן מיט להבדיל די פאַריזע תורה וואָס נידריגע אונטערוועלטניקעס און פראָסטע שיכורים שטעלן מיר אַהער, איך וויל נישט אַראָפּוואַרפן פון מיר דעם שיינעם קרוין פון צניעות מיט וואָס השי"ת האָט מיך באַקרוינט, אַנשטאָטס צו

ערקלערן אירע חבר'טעס אַזעלכע אמת'ע רייד און מקדש זיין שם שמים, גייט זי גאָר זיך צופּאַסן צוביסלעך צו איר געזעלשאַפט. קודם פאַנגט מען אָן מיט קליינע ענדערונגען און עס ענדיגט זיך מיט ערנסטע פּריצות נעבעך.

**טייערע טאָכטער לעבן.** זאָלסט וויסן דעם אמת, אַז די עיקר חשיבות פון אַ אידישע פרוי איז געווענדט אין איר צניעות, אַזוי האָבן אונז אונזערע הייליגע רבי'ס געלערנט. אָן דעם איז גאָרנישט. און טאַקע דערפאַר איז דער יצר הרע אויף דעם פּרט פלאַם פייער!

מיר געפונען ביי דעם צדיק **איוב** וואָס השי"ת האָט זיך באַרימט מיט אים, איז געקומען דער שטן און געזאָגט אַז ער וויל אים אויספּרואוון צי ער איז טאַקע געטריי פאַרן באַשעפער. **מיין טייער קינד:** השי"ת כביכול באַרימט זיך מיט דיר אין הימל איבער דיין פעסטע אידישקייט וואָס דו פאַרמאָגסט, און דער שטן האַלט דאָס נישט אויס, דעריבער האָט ער צוגעפירט אַז דו זאָלסט אַצינד זיין אַרומגענומען מיט נייע מענטשן וועלכע זענען ווייט פון דיינע ריינע השקפות און ערליכקייט, און אַצינד וויל מען אין הימל זעהן צו דו וועסט ח"ו אונטערברעכן פון דעם אַמאָליגן לבוש, כדי זיך צופּאַסן אַביסל צו דיין געזעלשאַפט, אָדער וועסטו זיגן און בלייבן אַ געטרייע אידישע טאָכטער, אַ קנעכט פאַרן וועלט'ס באַשעפער.

דער שטן ווייסט אַז זיין סוף איז נאָנט, די גאולה שלימה איז אָט אָט, פּראָבירט ער מיט אַלע כוחות

מבטל צו זיין דעם הייליגן לבוש הצניעות פון אידישע טעכטער, כדי אַז משיח צדקנו זאָל נישט דערקענען דעם אידישן פאָלק אים אויסצולייזן.

**ליבע טאָכטער**: דער שטן וועט דיר דאָרט אונטערשיקן טאָג טעגליך זיינע שלוחים, נישט קיין מאָדערנע מענטשן נאָר דיינס גלייכן, זאָלסטו זיין קאַמפּ'ס גרייט און נישט מאַכן קיין וועזן פון זייערע באַמערקונגען און בליקן. זאָלסט זיך נישט צוריקהאַלטן פון גיין צו אַ שמחה צוליב בושה און ווייטקייט צווישן דיין לבוש און זייער לבוש, ניין, **אדרבה!** זאָלסט דירעקט יאָ גיין מיט אַ פרייליכע שטאָלץ און מקדש השם זיין מיטן הייליגן אידישן לבוש. זאָלסט צייגן פאַר יעדן אַז די הייליגע תורה האָט נישט באַנקראָטירט ח"ו. עס איז **חי וקים!**

עס וועלן זיין אַזעלכע וואָס וועלן דיך פאַרהאַלטן פאַרוואָס דו ביסט אַ "בעל גאוה", דו גייסט אָנגעטוהן אַנדערש פון דיינע אַרומיגע. **זאָל דיין ענטפער זיין:** "נישט וועגן דעם גיי איך אַזוי ווייל איך וויל הייסן אַ חשוב'ע רביצין, נאָר ווייל איך וויל טוהן דעם ווילן פונעם גרויסן באַשעפער, און ווייל איך וועל דערמיט זיין אַ ביישפיל פאַר מיינע קינדער און אייניקלעך זיך צו האַלטן פעסט ביים דרך האבות, נישט פאַרכאַפּט צו ווערן פון די גאַס".

דאָס בעסטע איז אָבער קינד לעבן, נישט אַריינצוגיין אין קיין וויכוחים מיט אַנדערע, דו ווייסט ביי דיר אַז דו גייסט וויאַזוי די הייליגע תורה פאַרלאַנגט, און קיינער האָט זיך נישט וואָס

# עם סגלה

אַריינצומישן אין דיינע געשעפטן.

דער שטן וועט צוזעהן דיין מסירת נפש וועט ער צופלאַצט ווערן, וואָס הייסט, איך האָב שוין באַזיגט גרויסע רביצינ׳ס און שיינע מיוחסות, אַלע האָבן מיך געפאָלגט ווי שעפעלעך, און דאָ קומט אָ פשוט׳ע פרוי און שטעלט זיך מיר אַקעגן. וועט ער פראָבירן מיט אַלע מיטלען אַז כאָטש איין קליינינגקייט זאָלסטו אים נאָכגעבן. אַביסלע קורצער, אַביסלע שמאָלער, אַביסלע סטייליש, אָ טראָפּלע פאַרב אויפן פנים. און, אויב נישט ביי דיר, כאָטש ביי דיין קליין טאָכטער׳ל וועט ער פרובירן, אַז דו זאָלסט איר אַביסל אַהערשטעלן. זי איז דאָך נאָך קליין, זאָל זי האָבן אַביסל חן.

**זאָל דיין ענטפער זיין:** ״איך קלייד מיין טאָכטער אַזוי אַז זי זאָל געפונען חן אין השי״ת׳ס אויגן און אין מיינע אויגן. **איך** זאָל זעהן נחת פון איר. יענעמ׳ס בליקן קימערן מיר בכלל נישט!״

**טייערע טאָכטער:** איך האָב פראָבירט - אַלס געטרייער טאַטע - דיר צו געבן עטליכע ביישפילן וויאַזוי דער יצר הרע - דיין גרעסטער שונא - וועט דיך אָנגרייפן, אָבער אַלע זיינע קונסטליכע וועגן בין איך נישט ביכולת צו זאָגן, ווייל זיינע טאַקטיקן ווערן באַנייט יעדן טאָג מער און שטערקער. וויבאַלד אָבער דו וועסט זיין גרייט צו שטיין אויף די וואַך אויף דעם געביט פון צניעות, וועסטו בעזהשי״ת אַרויסגיין דער פולקאָמער זיגער. השי״ת וועט אויף דיר זאָגן דעם פסוק: **יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר!**

פון דיין טאַטע וועלכער מיינט דיין אמת׳ע טובה בזה ובבא

# עם סגלה

אינהאַלטסרייכע ווערטער ציטירט פון אַ דרשה פון

## הרב הגאון מוה"ר רבי חיים יעקב טויבער שליט"א

### דומ"ץ דק"ק באבוב

איך וויל דאָ מעורר זיין אויף אַ נקודה וועלכע רירט אָן ממש יסודות פון אידישקייט, וואָס איך שפיר פאַר אַן אחריות אויפמערקזאַם צו מאַכן די פרישע אינגעלייט אויף אַן ענין וואָס ווערט ליידער ערגער און ערגער, דאָס איז דאָס ענין פון פאה נכרית, שייטלען. דער גאַנצער עצם היתר אויף שייטלען איז אַ גרויסער דיעבד, רוב פוסקים אסר'ן צו גיין מיט אַ שייטל אין רשות הרבים. דער הייליגער צאַנזער רב דער דברי חיים זי"ע איז זייער מחמיר אין דעם.

אָבער, אפילו מ'וויל זיך יאָ פאַרלאָזן אויף די מקילים אַז מ'מעג גיין מיט אַ שייטל, איז דאָס נאָר געזאָגט אויף פשוט'ע איינפאַכע שייטלען, דאַקעגן אָבער שייטלען וועלכע זעען אויס ממש ווי אייגענע האָר, ממש ווי אַ מיידל מיט די האָר, דאָס האָט נאָך קיין פוסק אין די וועלט נישט מתיר געווען! פון דעם האָבן די פוסקים ניטאַמאָל גערעדט. דער מגן אברהם פסק'נט דאָך קלאָר אַז אפילו אַ מיידל פאַר די חתונה טאָר נישט אַרויסגיין מיט צולאָזטע האָר, כל שכן אַז אַ פאַרהייראַטע פרוי טאָר נישט גיין מיט אַ צולאָזט שייטל וועלכע מאַכט איר אויסזעהן פונקט ווי אַ מיידל.

עס איז נישט דאָ וואָס זיך מפלפל צו זיין אין דעם, עס איז קלאָר אַז עס איז אסור פאַר אַ אידישע טאָכטער אַזוי צו גיין. עס איז ממש וואונדערליך וויאַזוי טייערע נשים וועלכע האָבן זהירות אין פיל מצות ומעשים טובים, און דאָ ביי אַזאַ פשוט'ע איסור פאַרשטייען זיי נישט דאָס האַרבקייט. עס איז נישט צו פאַרשטיין, פיינע טייערע שטיבער האָבן פשוט פאַרלוירן דעם געפיל, דעם אָרגינעלן אידישן בושה געפיל, מען פאַרקריכט.

ווען מ'פרעגט איינע פאַרוואָס גייסטו מיט אַזאַ שייטל, ענטפערט זי ווייל איך זעה מרת פלונית גייט אויך אַזוי, פרעגט מען יענע, זאָגט זי ווייל יענע, אַזוי דרייט זיך דאָס רעדל ביז עס קומט אָן צוריק צום זעלבן. איך זעה נישט וואו

מ׳קען דאָ טרעפן כאָטש עפּעס אַ שטיקל היתר אויף אַזאַ סאָרט פּריצות שייטל וועלכע זעהט אויס ווי די אייגענע האָר.

דער קאָמפּלימענט פאַר אַ כלה איז היינט: ״דיין שייטל זעהט אויס אַזוי נאַטירליך״ (NATURAL) - ביי אַזאַ קאָמפּלימענט וואָלט מען געדאַרפט וויינען נישט שמייכלען, ווייל דאָס מיינט צו זאָגן אַז זי זעהט אויס פּונקט ווי פּאָריגע וואָך אַלס מיידל (רח״ל).

**רבותי**, די זאַך טויג נישט, עס איז געשעהן די לעצטע פּאָר יאָר אין דעם אַ מורא׳דיגע ירידה. די שייטל מאַכער׳נס זענען אַסאַך שולדיג דערין, זיי טוען צורעדן די קונים מיט פאַרשידענע רייד צו קויפן די אסור׳דיגע שייטלען. - ב״ה עס זענען נאָך פאַרהאַן ערליכע נשים וועלכע היטן אויף זייער צניעות קרוין, און זיי ווערן נישט נאָכגעשלעפּט נאָך די גאַס. איך זאָג נישט חלילה אַז די וועלכע גייען מיט שייטלען וואָס זעען אויס ווי אייגענע האָר מיינען עובר צו זיין ח״ו אויף אַ דין, זיי טוען דאָס נאָר בשוגג, זיי זעען דאָס אויף די חבר׳טעס, זיי שעמען זיך צו זיין צוריקגעבליבן... מיר דאַרפן זיין שטאָלץ מיטן הייליגן אידישן לבוש!

דער פּסוק זאָגט אַז אויב געפינט זיך אין די אידישע מחנה פּריצות, דעמאָלטס ושב מאחריך, די שכינה הקדושה גייט אַוועק פון די מחנה. וואָס געשעהט דעמאָלטס? צרות, אָרימקייט, מחלות רח״ל. יעדע האַרץ פון אונז איז פאַרקלעמט פון הערן לויידער אַזויפיל ביטערע מחלות ביי היימישע אידן, יונגע מענטשן מוטשען זיך מיט שרעקליכע יסורים רח״ל.

איך בעט מחילה אויב איך בין דאָ איינעם מצער מיט מיינע ווערטער, איך בין נאָר געקומען מעורר זיין אויף דעם וואָס די תורה פאַרלאַנגט. מ׳דאַרף דאָס מסביר זיין פאַר די ווייבער מיט אמירה רכה בהשכל ובדעת ובדרכי נועם, אַז זיי זאָלן דערהערן דאָס האַרבקייט פון אַזעלכע שייטלען. עס איז אַ מכשול בעוה״ר! מיר דאַרפן שטיין על המשמר. עס איז אמת עס איז אַ מסירת נפש פון אַ פרוי זיך צו טוישן, ביי אַ פרוי איז דאָס אַ גאַנץ עסק אויב זי דאַרף זיך טוישן איר לבוש צום גוטן, איבערהויפּט אויב די שייטל האָט געקאָסט אַסאַך געלט איז דאָס

# עם סגלה

געוויס אַ קרבן פאַר השי״ת ווען זי באַזייטיגט דאָס פאַר׳ן אייבערשטנ׳ס וועגן. און, וואָס איז דען געלט ווערד אויב נישט אויף אידישקייט?

אויב דער מאַן גייט מיט אַ חסיד׳ישן לבוש, דאַרף דאָך די פרוי אויך גיין חסיד׳יש, און אוודאי זאָל זי נישט גיין אַקעגן די הלכה!

השי״ת זאָל אונז אויסהיילן פון אַלע צרות און מחלות. לאָמיר זיך צוזאַמנעמען מיט אַ כח הרבים, און זיך אָפשיידן פון די דאָזיגע מלבושים, וועט זיך די שכינה צוריקקערן צו אונז, און בקרוב וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה בב״א.

## איזהו חכם הרואה את הנולד

אין ספר בנות ישראל (קאַפיטל ל״ט) ווערט ערקלערט: די פרוי גייט קויפן אַ קלייד, זעהט זי אין געשעפט אַ שיין קלייד וואָס געפעלט איר זייער, עס איז פונקט איר מאָס, עס איז נישט טייער - דער שטן האָט שוין אַלעס מסדר געווען פאָראויס - נאָר איין חסרון, עס איז נישט אַזוי צניעות׳דיג. דער שטן האָט זיכער געמאַכט עס זאָל נישט זיין דירעקט פריצות׳דיג ווייל דאַן וועט זי דאָס נישט קויפן. אַצינד שטייט זי פאַר אַ נסיון...

זאָלסטו אָבער וויסן - שרייבט דער בנות ישראל ווייטער - אַז אויב וועט דער שטן געווינען, וועט דער אכזר אַרויפגיין צוריק און רעדן אויף דיר אַלעס שלעכטס, און בעטן רשות אַז ער זאָל קענען אַריינגיין צו דיר אין שטוב צו שטראָפן דיך אָדער דיינע קינדער (רח״ל)!

*

אין קונטרס פרקי התבוננות שטייט: די פרוי זאָל אַריינטראַכטן - עס וועט דאָך קומען אַ צייט וואָס די פנים וועט זיין פול מיט קנייטשן, דער קערפער וועט איינגעבויגן ווערן, דאָס גאַנצע אויסערליכע שיינקייט וועט צונישט ווערן. עס וועט איבערבלייבן נאָר אַ קערפער וואָס וועט זיין אין קבר. וואָספאַראַ שיינקייט וועט יאָ איבערבלייבן? די שיינע ציכטיגע אידישע נשמה וועט צוריקגיין צום טאַטן אין הימל, געקליידט מיט הערליכע קליידער פון צניעות און איידלקייט, באַקרוינט מיט הערליכע צירונגען פון מדות טובות, ערליכע ברכות, גמילות חסדים, און אַזוי וועט מען איר זעצן אויף איר ריכטיגן אָרט אין ליכטיגן גן עדן!

## דברי צדיקים

פאַרהאַן נשים וועלכע זאָגן אַז עס איז קעגן זייער נאַטור אויפמערקזאַם צו מאַכן אַ חבר'טע אַז זי גייט נישט בצניעות ווי מ'דאַרף. מיר געפונען אין מדרש אַז ווען אידישע קינדער זענען געשטאַנען נעבן ים סוף אין אַן עת צרה, האָבן זיי געדאַרפט אַ ישועה חוץ לדרך הטבע, האָט אויסגעפעלט אַז אידן זאָלן טוהן עפּעס אַ מצוה חוץ לדרך הטבע. דעריבער ווי נאָר נחשון בן עמינדב איז אַריינגעשפרינגען אין ים, האָט זיך דער ים געשפּאָלטן.

דאָס זעלבע מיר געפונען זיך היינט אַרומגערינגלט מיט גרויסע צרות, מיר זענען אָנגעוויזן אויף ישועות חוץ לדרך הטבע, דאַרפן מיר זאָגן מוסר איינער דעם אַנדערן אפילו עס איז אַקעגן אונזער טבע, און דערמיט אַראָפּברענגען רפואות מיט ישועות חוץ לדרך הטבע! (הגה"ק רבי בנימין ראַבינאָוויטש זצ"ל)

דער גאון חזון איש זצ"ל האָט מיר געזאָגט: אויב עס שטעקן זיך אַרויס די האָר פון די פרוי פאָרנט ביים שטערן, איז דאָס אַן איסור דאורייתא. אויב עס זעהט זיך נאָר ביי די זייטן האָר, איז דאָס אַן איסור דרבנן! (הגה"צ רבי משה שטערנבוך שליט"א)

דורכן בנין בית נאמן בישראל בצניעות ובקדושה, טוט מען מקרב זיין דעם בנין הבית השלישי (הגה"צ רבי משה האַלבערשטאַם שליט"א)

עס איז כדאי דער יונגער דור זאָל הערן
אַז ווען דער סאַטמאַרער רבי זצ"ל האָט געטוהן באַנגערן
די דיקקייט פון די שטרימפּ צו וויסן
נאָכן באַטראַכטן האָט עס אים געטוהן פאַרדריסן
זעענדיג די אַלגעמיינע שטרימפּ וואָס די פאַבריקן טוען פאַבריצירן
זענען נישט וויאַזוי אידישע טעכטער דאַרפן זיך פירן
האָט ער געלאָזט רופן אַ חסיד אַ היימישער פאַבריקאַנט
און אים אָנגעוויזן אַהערצושטעלן אַ שטרימפּ מיט פאַרשטאַנד
קומענדיג צום רבי'ן מיטן נייעם "פּאַלם" שטרימפּ וואָס ער האָט ערצייגט
האָט עס דער צדיק אויף זיין האַנט אַרויפגעלייגט
וועלנדיג זעהן צי עס טוט טויגן
האָט ער דאָס איבער זיין הייליגע האַנט אַרויפגעצויגן
זעענדיג אַז עס איז גענוג דיק כהלכה
מ'קען זאָגן אַקעגן דעם קידוש, הבדלה, מאַכן אַ ברכה
עס איז נישט דורכזיכטיג אפילו פאַר אַ אפשר
האָט ער געגעבן דערויף זיין וואַרימע הכשר!

אבער, טייערע שוועסטער: "פּאַלם" האָט נישט קיין "פאַרזיכערונג" אַז עס בלייבט אויף שטענדיג דיק,
מ'דאַרף יעדע שטיקל צייט געבן אויף די שטרימפּ אַ בליק
צי ס'איז טאַקע נאָך גענוג דיק און ס'האָט זיך נישט געטוהן אויסציען
דעמאָלטס וועט די שכינה צווישן אונז רוען!

# אויפגעקלערט אָדער צוריקגעבליבן?...

אַלע דריי האָבן עס געהערט אויף איינמאָל.

1) פרוי שטיין איז געזעצן מיט עטליכע חבר׳טעס אין ׳טשייניז רעסטוראַנט׳ און געפרואווט אויסצוקלויבן פון די פרעמדע כינעזישע ווערטער אויפ׳ן מעניו עפעס אַ קענטליכער מאכל צו באַשטעלן פאַר ׳לאַנטש אַוט׳.

2) פרוי שוואַרץ איז געווען אויף ׳פיפט עוועניו׳ מיט איר טאָכטער אַ כלה, און פּרובירט צו טרעפן צווישן די פראַנצויזישע קליידער עפעס ׳דשאָסט סאָו׳ און ׳דיפרענט׳ וואָס זאָל זיך פּאַסן פאַר די דריטע שבע ברכות נאַכט.

3) פרוי פרידמאַן איז געזעצן אין די זעקסטע ׳פּלאָמבינג סופּליי שוי רום׳ און דורכגעבלעטערט צענדליגער קאַטאַלאָגס צו טרעפן אַן איטאַליענישע ׳פּאָוסעט׳ (קראַן הענטל) פאַר די קאָך סינק וואָס זאָל ׳מעטשן׳ צו די קאָסטום האַלצערנע קאָך אין די נייע דירה. קיין איינס פון אַלע וואָס זי האָט געזען, איז איר נאָכנישט געפעלן.

און דעמאָלטס איז עס געשען.

אַ מעכטיגער קול האָט אפגעדונערט איבער׳ן גאַנצן מאַנהעטן אינזל - עפעס ווי אַ יאָמער׳דיגע סירענע וואָס זאָגט אָן וועגן אַ פאַרשטייענדע געשעעניש.

אַ מישמאַש, אַ בהלה. דערשראָקענע מענטשן לויפן אַרויס אויפ׳ן גאַס. איינער שרייט איבער דעם צווייטן:

״אַן עראָפּלאַן אַטאַקירט דעם ׳עמפּייער סטעיט בילדינג׳!״

״אַ כעמישע באָמבע אַטאַקע! מ׳דאַרף אַראָפּלויפן אין די בונקערס, און פאַרמאַכן אַלע טירן און פענסטער. די לופט איז שעדליך איינצואָטעמען!״

״רופט פּאָליציי, פייערלעשער!״

״ס׳איז ביזי!״

״וואָס זאָגט דער ראַדיאָ?״

די היסטערישע גוי׳אישע מאַסן זענען צוריק אַריין אין די געשעפטן און זיך

געוואָרפן אויפ׳ן ראַדיאָ. דער קול פון דעם מעיאָר האָט זיך געהערט:

״ניו יאָרקער בירגער: האַלט אייך רואיג און בלייבט אינדערהיים. מיר פרובירן צו דערגיין וועלכע סירענע האט זיך צופיפן און פאַרוואָס. נאָכאַמאָל: ס׳איז זייער וויכטיג אַז מ׳זאָל זיך האַלטן רואיג.״

ווידעראַמאָל האָט זיך געהערט דער מעכטיגער קול. מענטשן זענען אַרומגעלאָפן ווי אַן זינען, פרובירנדיג צו דערגיין וואָס ס׳שפילט זיך אָפּ. יעצט האָט שוין דער ראַדיאָ געהאַט קראַנטע אינפאָרמאַציע.

״ניו יאָרקער בירגער: עס איז נישטאָ קיין אורזאַך זיך צו שרעקן. דער קול קומט אָנגעבליך פון אַן אַלט פאַרצייטישן טרומפייטער אין מויל פון אַ העכסט אינטערסאַנטן מאַן באַקליידעט מיט אידישע קליידער פון די תקופה פון מיטל-אַלטער, וואָס איז געקומען רייטנדיג אויף אַן אייזל. די פאָליציי וועט אים פאַרהאַלטן אויף אויספאָרשונג ווי נאָר ער וועט...״

מער האָבן זיי שוין נישט געהערט. פרוי שטיין, שוואַרץ און פרידמאַן זענען מיט איינמאָל אויפגעשפרינגען ווי געביסענע פון אַ שלאַנג. איז עס מעגליך???

**משיח!!!**

געוואַלד! משיח איז דאָ!!

רבש״ע! וואָס טוט מען דאָ? וואו גייט מען יעצט? משיח איז דאָ!!

מ׳דאַרף אַהיים לויפן...ניין ניין... בעסער אין שול אריין...מ׳דאַרף זען וואו יעדער גייט... וואָס יעדער טוט..

יעדער?!? אַ ביטערע איראַניע. דער ׳יעדער׳ - פאַר ווועמען מ׳איז אזויפיל אַרומגעלאָפען און זיך געוואָלט אויפווייזן - קען יעצט קנאַפּ העלפן. יעצט איז ׳יעדער׳ פאַרנומען מיט זיך אליין; וויאַזוי און מיט וואָספאַראַ פנים מ׳וועט זיך באַווייזן פאַר׳ן מלך המשיח; וועלכע סחורה מ׳וועט אויסלייגן ביים גרויסן דין וחשבון וואָס וועט באַלד פאָרקומען.

ווי אַ לעקטער וואָס צינדט זיך אָן נאָך אַ מאַסיוון ׳בלעקאוט׳, האָבן אלע דריי

פאַרשטאַנען אַז זיי זענען **אויסגעשפילט**. ווי אַ גלעקל וואָלט זיך צוקלינגען אין מח און אויסגערופן '**ביזט געווען אַ נאַר**'. האָסט געקענט מחי' זיין אַ איד, אַן אורח, מיט אַביסל פרישע הייסע זופ אַנשטאַט צו זוכן 'דעלישעס' עסן אין כינעזישע רעסטוראַנטן. האָסט געקענט אַריינכאַפן אַ יום תהלים און בעטן פאַר'ן וואוילזיין פון חתן כלה אַנשטאַט ארומצולויפן קויפן טייערע קליידער. האָסט געקענט דערציילן פאַר דיינע קינדער מעשיות פון צדיקים און זיי לערנען צו גלייבן אין באַשעפער, אין די צייט וואָס דו ביזט אַרומגעקראָכן אין אלע געשעפטן זוכן אַ הענטל פאַר'ן סינק.

האָסט געמיינט אַז דו ביזט 'אַפדעיטעד', אויפגעקלערט, אבער אין אמת'ן ביזטו געווען צוריקגעבליבן. **האָסט פשוט נישט געכאַפט אַז די גאַנצע זאַך איז געווען אַ טעסט און דו ביזט מיאוס דורכגעפאַלן.**

דער קול שופר האָט אויסגעקלאָרט דעם שכל און די אויגן האָבן שוין געזען דעם אמת. קיינער איז יעצט נישט נייגעריג וועמענ'ס 'וועניטי' ס'איז שענער און וועלכע נאָמען ס'שטייט אויפ'ן צעטל אויבן ביים האַלדז פון קלייד. יעדער עקל'ט זיך יעצט פון יעדע סחורה און מוסטער וואָס טראָגט אויף זיך אַ נאָמען פון אַ גוי אדער גוי'טע. אלע זענען פאַרנומען מיט אַוועקוואַרפן די שייטלען, קורצע שמאָלע סקורטס און טי-שווירטס. מ'וויל פאַרברענען די ליפ סטיק, מעסקערע און אלע פערפיומען וואָס מ'האָט איינגעהאַנדעלט פאַר טייער געלט.

מ'שעמט זיך פון משיח בן דוד. מ'שעמט זיך פון די באָבעס וואָס זענען דערשטיקט געוואָרען על קידוש השם אין די גאַז קאַמערן פון אוישוויץ און זענען יעצט אַראָפגעקומען פון זייער דערהויבענעם אָרט אין גן עדן. מ'קען נישט אויפהייבן דעם קאָפ פאַר'ן אדון כל העולמים אפצוגעבן אַ חשבון אויף אלע עבירות. מ'איז צו שאַנד און צו שפאָט ביי די שכנים, קרובים און גוטע פריינט.

אבער בעיקר באַגראָבט מען זיך פון בושה פון זיך אליין. ווער האָט מיר געבעטן? ווער האָט מיר געהייסן? כ'האָב געקענט זיין אויף די אַנדערע זייט וואו מיין יאַנטשי שכנ'טע און פרומע שוועסטער שטראַלן יעצט פון פרייד, כ'האָב זיך אליין פאַרפאַטשקעט. כ'האָב אפילו נישט וועמען צו באַשולדיגן...

מיר וועלן דאָ מעתיק זיין וואָס עס שרייבט הגה״צ רבי **בנימין בעלעד'ער** זצ״ל אין זיין ספר **אמירה לבת יעקב** (געשריבן אויף אידיש):

נאָך אַלס קינד מוז מען איר ביי יעדע געלעגנהייט ערקלערן, אַז די **מאָדע** איז אַ נאַרישע ערפינדונג פון גוים און עס איז קעגן אונזער הייליגע תורה, ווייל עס פאַרשפרייט פריצות און אויסגעלאַסנקייט. אָבער אפילו די מאָדעס וועלכע זענען נישט דירעקט קעגן די תורה, זענען אויך זיכער משפיע אָפצוקילן דאָס אידישע וואַרימע געפיל.

דאָס האָבן די נשים צדקניות אויפגעטאָן [אין מצרים], ווייל די מענער זענען געווען פון אינדערפרי פאַרטאָגס ביז שפעט אינדערנאַכט פאַרשמאַכט ביי זייער אַרבעט. ווער האָט די קינדער ערצויגן? די מוטער! ווער האָט אין זיי איינגעפרעגט אַז זיי טאָרן נישט פאַרלייקענען און פאַרענדערן זייער אידישן אויסזעהן אפילו ווען מען טוט זיי דערפאַר אָפלאַכן און אויסשפּעטן? די מוטער!

יעצט קען מען אַליין פרעגן, האָט דען די דעמאָלטסדיגע מוטער נישט געהאַט קיין וואַרעם געפיל צו אירע קינדער? וויפיל שברי לב און פּראָבלעמען וואָלט זי זיך געקענט איינשפּאָרן ווען זי וואָלט נישט אַרויסגעוויזן אַזוי עפנטליך דאָס אידישקייט? אָבער ניין, טאַקע דערפאַר ווייל זי האָט געהאַט דאָס ריכטיגע מוטער געפיל, האָט זי בעסער געזאָרגט פאַר די נשמה פון אירע קינדער, איידער פאַר זייער גוף...

טייערע אידישע קינדער! לאָמיר נישט פאַרגעסן אַז מיר זענען נאָך אַלץ אין גלות. מיר זענען שטאַרק אָנגעוויזן יעדע רגע אויף די באַרעמהאַרציגקייט פון השם יתברך ער זאָל אונז היטן און רעטן פון אונזערע שונאים... מיר אַלע אינאיינעם קוקן אַרויס אויף די לאַנג ערוואַרטעטע און צוגעזאָגטע גאולה שלימה פון אונזער טאַטע אין הימל... אונזער כבוד, פּראַכט און גלאַנץ וועט דערהויבן ווערן העכער פון אַלע מענטשליכע השגות, ווי עס איז באַשריבן אין אַלע ספרי הנביאים. עס איז גאָר אוממעגליך דאָס צו באַגרייפן מיט דעם

מענטשליכן פאַרשטאַנד וויאַזוי דאָס וועט דעמאָלטס אויסזעהן. דאָס אַלעס ווייסט נאָר השם יתברך אַליין, ווער עס האָט דאָס אַלעס צוגעגרייט פאַר זיין באַליבט פאָלק.

די זעלבע זכותים פון נשים צדקניות קענען צוהעלפן צו פאַרשנעלערן און צואיילן די שיינע ליכטיגע טעג, דורך ערציען אונזערע קינדער צו גיין און זיך פירן אין די וועג פון אונזערע עלטערן און נישט ענדערן דעם שם לשון מלבוש!

## די צדיקת "רות"

חז"ל זאָגן אַז בועז האָט געזעהן דברי צניעות אין רות, **מלקטת עומדות מעומד ושוכבות מיושב**, "שטייעדיגע תבואה האָט זי געקליבן שטייעדיג און ליגעדיגע תבואה האָט זי געקליבן זיצנדיג" - דאָס אַז ביי ליגעדיגע זאַנגען האָט זי זיך אַראָפגעזעצט איז פאַרשטענדליך, ווי רש"י ערקלערט כדי זי זאָל זיך נישט אַראָפבייגן אויף אַן אופן וואָס איז נישט באַשיידן, אָבער פאַרוואָס ביי די שטייעדיגע זאַנגען האָט זי זיך אויפגעשטעלט?

ערקלערן די מפרשים ז"ל, ווייל אויב זי וואָלט געזעסן און געדאַרפט אויפהייבן אירע הענט צוצוקומען צו די זאַנגען, דאַן וואָלט אירע ערמל זיך געקענט אַביסל אויפהייבן און אירע הענט וואָלטן ח"ו זיך אויפגעדעקט, דערפאַר האָט זי זיך אויפגעשטעלט כדי נישט אויפצוהייבן אירע הענט הויך.

אַ חשוב'ער איד דערציילט, אַז אַמאָל איז רבה"ק בעל ויואל משה מסאַטמאַר זצ"ל איינגעשטאַנען ביי אַ בעה"ב. עס איז אויסגעקומען דאַן אַ שמועס אין שטוב איבער דעם וואָס דער רבי איז מקפיד אַז אפילו גאָר קליינע קינדער אונטער דריי יאָר זאָלן גיין בצניעות. דער בעה"ב האָט גע'טענה'ט אַז קליינע קינדער האָבן נאָכנישט קיין באַגריף אין צניעות. אַזוי רעדנדיג קומט אַריין דאָס קליין מיידל'ע פון דעם בעה"ב און פרעגט דעם טאַטן: "טאַטע, אמת אַז מיין קלייד איז שיין?"

רופט זיך אָן דער רבי: "אויף דעם אַז דאָס קלייד איז שיין האָט זי יאָ שכל, נאָר אויף צניעות האָט זי נישט קיין שכל, און מ'קען איר נאָכנישט מחנך זיין דערויף???!"...

## וועד לעניני חיזוק הדת
שע"י
# התאחדות הרבנים דארצות הברית וקאנאדא

בס"ד — יום ב' לסדר ונתתי משכני בתוכם (בחקותי) תשס"ג לפ"ק

# חזקו ואמצו

**אַ פריידיגע בשורה איז צו אונז, וואָס מיר האָבן געהערט, אַז עטליכע בתי חינוך לבנות האָבן מגדיר געווען גדרים איבער דעם שרעקליכן פראָבלעם, וואָס מיידלעך גייען אויף חתונות צו די געשוויסטער פון זייערע חבר'טעם, און קומען אהיים שפעט. וואָס דאָס עצם גיין האָט נישט קיין שום נאָרמאַלע זין, און דאָס איז גורם פאַרשידענע נאָבוייען בגשמיות וברוחניות. וכפרט אַז דאָס טוט פאַראורזאַכן אַז זיי דרייען זיך אין די גאַסן שפעט ביינאַכט, וואָס די רעזולטאַטן דערפון זענען שעדליך כידוע.**

חזקו ואמצו אין אייער הייליגע אונטערנעמונג, ויהי רצון שחפץ ה' בידכם יצליח, ויהי ה' אלקינו עמכם, מחנך צו זיין אידישע טעכטער ע"ד המסורה לנו מאבותינו ורבותינו זי"ע, מיר זענען זיכער, אַז ישראל קדושים, וועלן זיך צוהערן און אויספאָלגן די אָנווייזונג פון זייערע וועג ווייזער'ס.

**דערביי טוען מיר אויפפאָדערן די עלטערן, אַז עס איז אויף די עלטערנ'ס אחריות צו זעהן אַז זייערע טעכטער זאָלן אויספאָלגן די אויבנערמאַנטע.**

**די בתי חינוך לבנות וועלכע מאיזה סיבה, האָבן נאָכנישט פאַראָרדענט די תקנה אין זייער מוסד, ווענדן מיר זיך צו זיי, אַז זיי זאָלן זיין נטפלים לעושי מצוה און תיכף דאָס פאַרלאַנגען פון זייערע תלמידות.**

ולהשומעים יונעם, די אַלע וועלכע האַלטן זיך צו די אָנווייזונג, זאָל השי"ת העלפן זיי זאָלן געבענטשט ווערן מיט געזונט און נחת, בבני חיי ומזוני רויחא עד ביאת גואל צדק בב"א.

**וועד לעניני חיזוק הדת**
**שע"י התאחדות הרבנים דארצה"ב וקאנאדא**

# אַ גאַסט אויף אַ ווייל - זעהט אויף אַ מייל

איך אונטערגעשריבענע, בין אַ גיורת צדק וועלכע האָט זוכה געווען נתקרב צו ווערן צום הייליגן אידישן פאָלק מיט צירקע זיבן יאָר ביים ביד"צ פון ירושלים עיה"ק.

איך קער זיך היינט ב"ה אָן, אין די פרומסטע קרייזן פון ירושלים עיה"ק, איך שטאָלציר צו גיין געקליידעט אין די פרומסטע טראַגע פון ירושלים'ער פרויען.

איך בין צו דעם מצב צוגעקומען שטופנווייז, אנהויבנדיג פון מיין אנערקענונג אין דיווירקליכע ריכטיגקייט פון די אידישע רעליגיע אנטקעגן - להבדיל - די גוי'אישע רעליגיעס, נאָכ'ן גוט שטודירן די רעליגיעס. אנקומענדיג צו די אידישע רעליגיע האָב איך אויך שטופנווייז מער און מער אנערקענט אַז דער פרומער ציבור דאָס איז דאָס ריכטיגע אויטענטישע אידישקייט, און אַז אלע אנדערע פראַקציעס שטייען נישט אויף זייערע ריכטיגע פליכטן, זיי פעלשן און נאַכלעסיגן אין זייער אויפגאַבע אלס איד.

איך האָב ב"ה זוכה געווען אויפצושטעלן אַ אידישע שטוב צוזאַמען מיט מיין חשוב'ן מאַן שיחי', וועלכער איז אויך אַ גר צדק. ער אויך אזוי ווי איך איז צוגעקומען צו אידישקייט דורך שטודירן די רעליגיעס און אנערקענענדיג אַז די אידישע רעליגיע איז די ריכטיגע. אויך האָט ער אזוי ווי איך פאַרשטאַנען אַז די אולטרא פרומע זענען די ריכטיגע אידן.

מיר וואוינען אין פרומסטן געגנט פון ירושלים עיה"ק, אין אונגאַרישע הייזער. מיר האָבן שוין ב"ה דריי זיסע קינדערלעך שיחיו בליעה"ר וועלכע ווערן נתחנך אין די פרומסטע חדרים און בתי חינוך אין ירושלים עיה"ק. מיין טאָכטער'ל גייט ב"ה מיט צעפּאַלאַך, מיין אינגעלע גייט מיט די ציצית אינדרויסן, איך גיי מיט אַ שוואַרצן טיכל אזוי ווי די פרומע ירושלים'ער פרויען, מיין מאַן גייט מיט די פרומסטע ירושלים'ער טראַגע, און איך בין שטאָלץ מיט דעם אלעם! מיין מאַן לערנט אַ גאַנצן טאָג און איך בין שטאָלץ מיט דעם!

איך שרייב צו אייך פרויען, ווייל איך וויל מיר אויסרעדן מיין האַרץ פון אַ זאַך וואָס עס ווייטאָגט מיר. מיר זענען אהער געקומען קיין אמעריקע צוליב אַ פערזענליכע סיבה. זייענדיג דאָ בין איך איינגעלאַדנט געוואָרן צו אַ חתונה ביי מיינס אַ באַקאַנטע דאָ, איך מוז אייך זאָגן איך בין געוואָרן שאָקירט. ווען איך בין געקומען קיין אמעריקע האָב איך געהאָפט אַז איך וועל איך שעפן דאָ פיל חיזוק אין אידישקייט, ווייל איך האָב שוין פיל געהערט פון דעם הייליגן ציבור וועלכע געפינט זיך דאָ, פון וואו עס שיינט ארויס אידישקייט אויף די גאַנצע וועלט. איך מוז אייך אבער זאָגן אַז איך האָב געכאַפּט אַ שאָק זעענדיג ביי די חתונה וויאזוי אידישע פרויען גייען געקליידעט, איך וויל נישט ארויסזאָגן גראָב, אבער ממש ווי "פאַריזער שיקצעס". לײדער זענען פאַראַן אַסאַך פרויען וואָס מען קען אינגאַנצן נישט דערקענען אַז דאָס זענען אידישע פרויען. אנגעהויבן פון די שייטלעך וואָס זעט אויס פונקט ווי זייערע אייגענע האָר אזוי ווי מיידלעך, דאַן די קליידער וואָס זענען

שרעקליך צוגעפאַסט צום קערפער און אויך קורץ רח״ל, דאָס זעלבע די גאַנצע געשטעל, די שיך, די געפאַרבטע פנימ׳ער.

איך בין געשטאַנען ביי די חתונה מיט מיין שוואַרצן טיכל און מיין פנים האָט געפלאַמט פאַר בושה, איך בין די צוגעקומענע צו דעם אידישן פאָלק און דאָ שטייען די אריגינעלע אידישע פרויען וועלכע זענען אינגאַנצן נישט אויס ווי אידישע פרויען. איך האָב נישט געוואוסט צו בין איך דאָ ביי אַ אידישע שמחה אדער ח״ו אין אַ טעאַטער וואו איך בין געווען געוואוינט צו זען אזעלכע סצענעס.

מיין האַרץ איז געוואָרן פאַרקלעמט, איך האָב געטראַכט ביי מיר וויאַזוי קען איך ארויסגעבן מיינע ווייטאָגליכע געפילן צו מיינע אידישע שוועסטער, האָב איך מיר דערטראַכט איך וועל שרייבן צו אייך מיינע געפילן אין דעם בריוו.

עס איז געגנצליך נישט גערעכט, עס זעט אויס ווי אידישע טעכטער ווילן אנטלויפן פון זייער אידישקייט. איך זאָג אייך פון מיין ערפאַרונג, אַ מענטש מיט אַ ניכטערן פאַרשטאַנד דאַרף אנטלויפן פון אנדערע רעליגיעס צו ווערן אַ איד און אַן אָפטריניגער איד דאַרף אנטלויפן און ווערן אַ פרומער איד, ווייל דאָרט ליגט דער אמת, און נישט ח״ו אַז אַ פרומע אידישע טאָכטער זאָל נישט צופרידן זיין מיט איר אידישקייט און ווערן אנטלויפן פון דעם.

איך וויל דערביי איבערבעטן מיינע אידישע שוועסטער, איך האָב ח״ו נישט געמיינט קיינעם צו באַליידיגן און איך בין אויך נישט דער מענטש וואָס זאָל קומען אייך מוסר זאָגן, אזוי ווי דער פסוק זאָגט ״האחד בא לגור וישפוט שפוט״, אַ פרעמדער מענטש קומט אונז מוסר זאָגן? אבער איך האָב באמת נישט געמיינט אייך מוסר צו זאָגן, איך האָב מיר נאָר געוואָלט אויסשמועסן מיט אייך אַז מען זאָל אריינטראַכטן וואָס דאָ גייט פאָר, און אויב איינער איז באַליידיגט געוואָרן, בעט איך איר שוין איבער.

מיט דעם וועל איך ענדיגן מיין בריוו וועלכע איז געשריבן געוואָרן פון גרויס ליבשאַפט צו מיין פאָלק און צו מיינע אידישע שוועסטער.

מיט גרויס כבוד

**ח.ר.ז.**

נ.ב. זינט מיין שרייבן דעם בריוו בין איך שוין איינגעלאַדענט געוואָרן צו נאָך אַ חתונה, וואו איך האָב דאָרט שוין געזען גאָר אַן אנדערע בילד, מען האָט געזען ב״ה פיל פרויען מיט׳ן גאַנצן צניעות׳דיגן געשטעל, פילע מיט שפיצלעך און מאַנכע מיט שוואַרצע זאָקן, איך האָב פון דעם געשעפט פיל חיזוק, און דאָס בילד אויף אמעריקע האָט זיך ביי מיר געטרישט, עס נעמט אבער נישט אוועק פון די אקטועליטעט פון דעם בריוו, אדרבה די פרויען דאַרפן זיין אַ מוסטער פאַר אנדערע זיך פון זיי אפצולערנען.

**יישר כח**

### אַ בלעטל פונעם הייליגן שולחן ערוך - יורה דעה

## הלכות חוקות הגוים

### סי' קע"ח · שלא ללבוש כמלבושי הגוים

| | |
|---|---|
| אין הולכין בחוקות העכו"ם ולא מדמין להם ולא ילבש מלבוש המיוחד להם ולא יגדל ציצית ראשו כמו ציצית ראשם ולא יגלח מהצדדין ויניח השער באמצע ולא יגלח השער מכנגד פניו מאוזן לאוזן ויניח הפרע אלא יהא מובדל מהם במלבושיו ובשאר מעשיו. | [אויף אידיש:] "מען טאָר נישט נאָכגיין די וועגן פון די גוים און מען טאָר זיך נישט פאַרגלייכן צו זיי. מען זאָל נישט אָנטוהן אַ קלייד פון די גוי'אישע מאָדע, און מען זאָל נישט זיך מאַכן די האָר לויט די גוי'אישע האָר סטייל (דער שולחן ערוך רעכנט אויס פאַרשידענע מיני גוי'אישע האָר סטייל'ס פון יענע צייט, אָבער דער ט"ז מיטן ש"ך שרייבן שוין אַז די זאַך איז נעוועגדט אין יעדע שטאָט אין יעדע צייט לויט וויאַזוי די גוים און גוי'טעס פירן זיך דאָרט, טאָר אַ אידיש קינד נישט גיין צוליב דעם לאו פון ובחקותיהם לא תלכו). נאָר דער איד זאָל זיין אָפגעטיילט פון די גוים מיט זיינע קליידער און מיט זיינע מעשים!" |

אידישע שוועסטער: לאָמיר אַריינגנעמען אין קאָפּ = חוקות הגוי איז אַן איסור דאורייתא! גוי'אישע מאָדעס, גוי'אישע האָר סטייל'ס ביי מיידלעך, איז אַקעגן די הייליגע תורה! **מאָדע** ברענגט: **מ**'חלות **א**'נטיסעמיטיזעם **ד**'לות **ע**'קרות!

חז"ל חזר'ן כסדר: אע"פ שאהובה היתה בימי האבות עכשיו שונאה מאחר שנעשה חוק לכנענים - "כאָטש די זאַך איז באַליבט געווען ביי השי"ת אין די צייט פון די אבות הקדושים, דאָך האָט דאָס השי"ת פיינט אַצינד (מקריב זיין קרבנות אויף איין גרויסע שטיין אַנשטאָט אַ מזבח פון פיל שטיינער) ווייל די גוים האָבן גענומען דעם דאָזיגן פירונג פאַר זייער עבודה זרה!" - זעהט מען ווי שטאַרק עס איז פאַר'מיאוס'ט פאַר השי"ת די גוי'אישע פירונגען.

Beir Yehidah Publishing
C/o Am Segila
154 Lee Ave.
Brooklyn, N.Y. 11211

**ביטע פאַרגעסט נישט**
**אַריינצושיקן לכל הפחות**
**פינף דאָלער**
**אונז ארויסצוהעלפן מיט די ריזיגע**
**הוצאות פונעם קונטרס**
וכל המרבה הרי זה משובח